1976

# א רוסישע דערציילונג פון שלום עליכמען

## (אין שייכות מיט זיין 60־סטער יאָרצייט)

איבערגעזעצט און פאַרזען מיט אַן אַריינפיר: **אַננע דרעסנער**

„גאָריע רעב עליאַקימאַ" איז די צווייטע רוסישע דערציילונג פון שלום־עליכם, וועלכע איז דערשינען אין „וואָסכאָד"[1], פאַר פעברואַר־מערץ 1893. די ערשטע, „ראָמאַן מאַיעי באַבושקי" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַפּריל 1891, מיט דריי חדשים נאָכן פאַרעפנטלעכן אין דעם דאָזיקן זשורנאַל מענ־דעלעס „די קליאַטשע". מער זענען אין „וואָסכאָד" קיין ווערק פון די קלאַ־סיקער נישט דערשינען.

אין דער דערציילונג האָט שלום־עליכם אָנגעווענדט די פאָרם און קאָנ־ווענץ פון די שפּעטערדיקע „אייזנבאַן־געשיכטעס" (1909), און די שפּראַך־שיכט וועלכע ער האָט צוגעאייגנט דעם העלד אָנטהאַלט אין זיך אַ סך עלע־מענטן פון טוביהס רעדנסאַרט און פאַרוואַנדלט אים ערטערווייז אין זיין מעדיום אַ יאָר דריי איידער מיר באַגעגענען זיך מיט זיין ערשטן בריוול צום מחבר („קטנתי", 1895), און מיט עטלעכע זיינע שפּעטערדיקע „מעשיות". עס קומט דאָ דייטלעך צום אויסדרוק דאָס ספּעציפיש „טוביהשע" און שלום־עליכמישע, אין די קינסטלערישע מיטלען מיט וועלכע דער מחבר האָט זיך דאָ באַדינט. דאָס איז בולט אין אופן פון באַאַרבעטן דעם סיוזשעט, פון סטי־ליזירן די מאָנאָלאָג־פאָרם, פון שאַפן אַן אילוזיע פון דיאַלאָג, דורך אַריינ־ציען, ווי זיין טבע איז, דעם מכלומרשטן צוהערער אין אַ פאַסיוון שמועס, ווי צום ביישפּיל: „דער נאַראַטאָר ווענדט זיך צו אים מיט אַ פראַגע, אָבער אַנשטאָט מיט אַן ענטפער, מוז זיך דער לייענער באַגנוגן מיטן אָנדייט פונעם ראש המדברים, וועלכע תשובה ער האָט פון אים באַקומען. למשל: „איר קאָנט דאָך מסתמא דעם..." א.אַ.וו. — „ניין? איר קאָנט אים נישט?" — און דער מאָנאָלאָג ווערט געפירט ווייטער אָן שום שטערונגען.

עס זענען געמאַכט געוואָרן אַלע באַמיאונגען די איבערזעצונג זאָל זיין אַ געטריע און אַ ביז גאָר געטרייע, סיי לגבי דעם רוסישן אָריגינאַל, סיי לגבי דעם אויטענטיש יידישן סטיל, וועלכן דער מחבר וואָלט געוויס אָנגעווענדט, ווען די דערציילונג וואָלט לכתחילה געוואָרן געשריבן אין יידיש. עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן אַלע אָנשטרענגונגען, בכדי צו געפינען די ריכטיקע מאָס פון סטיל אַדעקוואַטקייט און אופן פון אויסדרוק. אויב עס זענען אַפילו פאַראַן די מינימאַלסטע ענדערונגען, זענען עס בלויז די, וועלכע וואָלטן זייענדיק וואָרט פאַר וואָרט איבערזעצט געוואָרן פונעם רוסישן טעקסט, פאַרקריפּלט שלום־עליכמס קינסטלערישע שפּראַך און סטיל־אייגנאַרטיקייטן.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס די יידיש־לייענער וועלן האָבן די מעג־לעכקייט זיך באַקענען מיט דער דערציילונג, וועלכע איז ביז איצט, ווי ווייט ס'איז באַקאַנט, נאָך נישט געוואָרן איבערזעצט אויף יידיש. אגב, די ערשטע דערציילונג פיגורירט אין דער ביבליאָגראַפישער נאָטיץ פון שלום־עליכם־בוך (ז' 363), די צווייטע — נישט.

**א. ד.**

---

1. „וואָסכאָד" — אַ נישט־צענזורירטער חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק. אָנגעהויבן דערשיינען אין יאַנואַר 1881, אונטער דער רעדאַקציע פון א. לאַוואַנדאַ (אין דער רוסישער שפּראַך.

Восход Feb - Mar. 1893

**שלום-עליכם**

# ר' אליקומס צרות

(אַ דורכאויס אומגלויבלעך געשעעניש)

## ס'ערשטע קאַפּיטל

### ר' אליקום פאַלט אויף אַ געניאַלן איינפאַל

„פאַרשאַלטן זאָל ווערן אונדזער אַזוי אויך פאַרשאַלטן פאַך, און מיט אים איינעם דער וואָס האָט עס אויפגעטראַכט!" — אַזוי האָט אָנגעהויבן דער אַלטער ר' אליקום זיין טרויעריקע געשיכטע, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ קעלישעקל מיטן ביטערן טראָפּן, מיט וועלכן ס'האָט אים באַזאָרגט אויפן וועג אַן אַלטער גוטער פריינד, און מיט דער צווייטער האַנט, גלעטנדיק זיין שיטער, גרוי בערדל. „גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד — נאָר איך פאַרשעלט און וועל אייביק פאַרשעלטן דעם טאָג, אין וועלכן איך בין געוואָרן אַ שדכן, וואָרעם איר קענט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, סאַראַ נמאסע פרנסה דאָס איז, און וועלכע כוחות מ'דאַרף האָבן צו אָט דער מלאכה. איך זע לויט אייער מינע, אַז איר וווּנדערט זיך, נישט אַזוי? איך אָבער קאָן אייך פאַרזיכערן מיט וואָס איר ווילט נאָר, אַז ס'איז גרינגער צונויפצוברענגען אַ באַרג מיט אַ באַרג, איידער אַ ייִד מיט אַ ייִד. וואָרעם אויב דער איז רייך, איז יענער צו אַ גרויסער יחסן, איז יענער אַ יחסן, איז דער ווידער צו פיל רייך, און אַלע מאָל לאָזט זיך אויס, אַז איינער פון די ביידע מוז אַרויס אַ פאַרשפּילטער. אוי, אַ ביטער, אַ שווער שטיקל ברויט! ס'מאַכט זיך אַ מאָל, עס גייט אַוועק אַ קיילעכדיק יאָר, און דיר גיט זיך נישט איין אַפילו איין שידוך דורכצופירן. און קומסט אָפּ דאָס גאַנצע יאָר מיט נסים, שפּייזסט זיך מיט בלויזע האָפענונגען — אפשר און טאָמער וועט פאָרט עפּעס צושטאַנד קומען. ליגסט גאַנצע נעכט און קלערסט, און הערט נישט אויף צו קלערן: וואָס טראַכט מען דאָ צו? און האָסטו שוין יאָ עפּעס צוגעטראַכט, שטייסטו אויף, לויפסט צו איינעם, לויפסט צום אַנדערן; דוכט זיך, בעסער קאָן שוין גאָר נישט זיין. דו האָסט אַ טאָכטער, יענער האָט אַ זון — איז וואָס זשע נאָך דאַרף מען האָבן? איז ניין: אי דעם, אי יענעם, גיב אַזעלכעס, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געבוירן. און דאָס וואָס ר' אליקום רייסט די פּאָדעשוועס אַרט גאָר קיינעם נישט. און ווען אַ שטייגער אַרט עס יאָ, אַז ביי ר' אליקומען אַליין שטייען אין ריי צוויי טעכטער, וועלכע מען וואָלט שוין לאַנג געמעגט פירן צו דער חופּה? נאָר אייגנטלעך נישט אַנטקעגן דעם איז עס צו רייד געקומען. איך קלאָג מיך חלילה נישט אויף מיין מזל, וואָרעם כ'האָב מיך בכלל פיינט צו באַקלאָגן, ווייל אַ דאַנק און אַ לויב דעם אויבערשטן, האָב איך שוין דערלעבט קרוב צו זעכציק, און קיין אַנדער מלאכה האָב איך דאָך נישט. הייסט עס, אַז ס'איז אַן עבירה וועגן דעם צו רעדן, און נישט דאָס בין איך אויסן. נאָר אַזוי ווי איר האָט מיך שוין יאָ געפרעגט פון וואַנען איך פאָר און וווהין איך פאָר, מוז איך אייך שוין איבערגעבן אַ קליינעם אַריינפיר צו דער שרעקלעכער, אומגלויבלעכער געשיכטע, וועלכע איך וויל אייך דאָ דערציילן".

און כדי זיך צוגעבן מער קוראַזש, האָט ר׳ אליקום צוגעטראָגן צו די ליפּן דאָס קעלישעקל, געמאַכט אַ שהכל און אַ זופּ געטאָן צוויי טראָפּן. דערלאַנגענדיק זיין מיט־שמועסער דריי פינגער „לחיים״, האָט ער אָפּגעטרונקען נאָך עטלעכע טראָפּן, שרעקלעך זיך דערביי פאַרקרומט, אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן בזה הלשון:

„איר קענט דאָך, מסתמא, דעם מאַזעפּעווקער מוירעמויריינעס? ניין, איר קענט אים נישט? אַפילו נישט געהערט? מערקווירדיק! מיר דוכט זיך, אַז די מוירעמויריינעס דאַרף מען צו קענען אויף דער גאַנצער וועלט. זיי שטאַמען דאָך עפּעס פון ר׳ אפרים מעזריטשער אַליין, און האָבן אין אונדזערע קאַנטן אַמאָל געשמט פאַר די ערשטע גבירים. וועגן זייער עשירות דערציילט מען זיך פּשוט אָן נסים ונפלאות. ווער, למשל, ווייסט עס נישט, אַז זיי זענען געווען זייער מקורב צום גובערנאַטאָר אַליין, און אַז שידוכים האָבן זיי געטאָן נישט מיט קיין אַנדערע, נאָר מיט די באַרימטסטע צדיקים אויף דער וועלט? נאָר דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַ מ אָ ל: און פון דעם וואָס איז אַמאָל געווען, קאָן מען קיין אָנבייסן נישט אָפּקאָכן הײַנט. האָט אַמאָל ליב געהאַט צו באַמערקן מיין פלוניתטע, נאָך דעם ווען זי זידלט מיך אויס אָרום און אָרום. הײַנט אָבער באַשטייט די גאַנצע רייכ־קייט פון די מוירעמויריינעסעס דערפון, וואָס זיי זענען די מוירעמויריינעסעס — און מער גאָרנישט. זיי האָבן פאַרלוירן אַלץ, אַ חוץ דעם שטאָלץ זייערן, און אַז אַך און וויי איז צו דעם, וואָס דערוועגט זיך אָנצורירן דעם האַנאָר זייערן! ס׳איז אָבער דערוויזן גע־וואָרן, אַז ווען דער רבונו של עולם שטראָפט אַ מענטשן מיט איין האַנט, שיקט ער אים צו די רפואה מיט דער אַנדערער. צונעמענדיק ביי די מוירעמויריינעסעס דאָס פאַרמעגן, האָט ער אין זיין גרויסער לייטזעליקייט זיי צוגעשיקט אַן אַנדער פאַרמעגן, וואָס איז גאָרנישט אָפּצושאַצן. איך רעד וועגן די מוירעמויריינעסעס קינדער, און דערהויפּט, וועגן די טעכטער זייערע, וועלכע זענען ווי באַשאַפן געוואָרן אויף צו באַשיינען די גאָרע וועלט, וואָרעם זיי שמען ווו די וועלט האָט אַן עק — און איר וועט דעריבער טרעפן מוירעמויריינעסעס טעכטער אין מאַקאַראָווקע, אין טעטעראָוויץ און אין יאַמפּאָל — אומעטום; און פאַרזאָרגט זענען זיי אַזוי, אַז הלוואַי אויף מיינע קינדער געזאָגט גע־וואָרן, גאָטעניו, וואָלט איך... וואָלט איך דעמלט נישט געווען ר׳ אליקום שדכן, נאָר גלאַט — ר׳ אליקום, ווי אַלע ייִדן.

„האָט, הייסט עס, מוירעמויריינעס זייער גוט פאַרזאָרגט זיינע טעכטער. ער האָט זיי נישט נאָר ניט געגעבן קיין נדן, ער האָט נאָך פאַר זיי ג ע נ ו מ ע ן נדן. ערשטנס, ווער וועט דאָס זיין משוגע און זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ פאַרגעניגן, ווי צו זיין מוירעמויריינעס מחותן? צווייטנס, זענען די טעכטער זיינע געווען איינע שענער פון דער צווייטער, און די שיינקייט זייערע, איז גאָר נישט צום באַשרייבן. נאָר אויב מען קאָן זאָגן וועגן די עלטערע טעכטער זיינע, אַז זיי זענען ליכטיק ווי די זון, איז וועגן דער ייִנגסטער, וועגן עטעלען, שוין גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. און ס׳איז טאַקע שווער צו זאָגן, וואָס עס רופט ביי איר אַרויס מער באַוווּנדערונג: די אויסערגעוויינלעכע שיינקייט אירע, צי איר אומ־געהויערע חכמה, איר גוט האַרץ, צי די אַנדערע גוטע מידות פון איר אײדעלער נשמה? דערצו נאָך, מוזסט איר וויסן, אַז כאָטש מוירעמויריינעס איז אַ פרומער, אַן ערלעכער ייִד, האָט ער דאָך זיין ייִנגסטע טאָכטער געגעבן אַן אמתע „ציוויליזירטע״ ד.ה. פאָרט־געשריטענע, הײַנטוועלטישע דערציונג. זי קען לייענען, שרייבן, שפּילן פּיאַנע, טאַנצן — און איך בין זיכער, אַז עטעלע וועט מיט איר בילדונג פאַרשטעקן אונטערן גאַרטל אַלע אונדזערע הײַנטוועלטיקע יונגעלייטלעך. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס ווי

נאָר עטלעע איז אַביסעלע אונטערגעוואַקסן, האָבן שדכנים פון אַל עקן וועלט אָנגע־הויבן פאַרפּלייצן דעם פאָטער פון אַזאַ מין ברילִיאַנט מיט בריוו, און אים פאַרשלאָגן די גלענצנדסטע שידוכים פאַר איר. נו, ווי מיינט איר? האָב איך געקאָנט בלייבן רויק, איך, דער אַלטער מאַזעפּעווקער שדכן? האָב איך אָנגעהויבן צו נישטערן אין מיין אַלטן פּינקסל און מאַכן פאַרשידנערליי קאָמבינאַציעס, און ענדלעך האָב איך אויסקאָמבינירט אַזאַ גלענצנדיקע זאַך, וואָס די גאַנצע וועלט וועט דערמיט הילכן. אָט דער גליקלעכער איינפאַל איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין מיט אַ מאָל, און איך האָב מיך נאָר געוווּנ־דערט ווו איז פריִער געווען מיין קאָפּ, און וווהין איז פריִער אַהינגעקומען מיין שכל?

## ס׳צווייטע קאַפּיטל

## ער אַנטדעקט אַמעריקע

„דאָס האָט פּאַסירט אין איינעם אַ דאַנערשטיק, און איך גיב אייך אַלץ איבער, מיט אַלע פּישטשעווקעס. ליג איך מיר אַזוי ביי נאַכט, ווייסט איר, און דער קאָפּ הערט מיר נישט אויף צו אַרבעטן: ווו נעמט מען אַ שטייגער אויף שבת? וועגן פיש און פליישׁ איז דאָך אָפּגערעדט. אין קליטל גיט מען שוין לאַנג נישט אויף באָרג. פאַרזעצן, דאַנקען גאָט, איז נישטאָ וואָס, און קריגן ערגעץ אַ קערבל אַ הלוואה, איז אַוודאי נישטאָ ביי וועמען, כאָטש לייג זיך אוועק, שונאי ציון, און שטאַרב. און דער ווינטער איז אַ שווע־רער, דער פראָסט קנאַקט, קריכט אין שטוב אַריין — אַן אומגליק! פּלוצעם פאַלט מיר איין אַ ווונדערלעכער פּלאַן, אַ געניאַלער איינפאַל: איך האָב אַ שידוך פאַר מוירעמוי־ריינעס טאָכטער! און נישט ערגעץ פון דאָרט, ווו דער רוח זאָגט אַ גוטע נאַכט, נאָר טאַקע פון אָט דאָ אָ, אונטער דער סאַמע נאָז, טאַקע אין מאַזעפּעווקע! וועק איך אויף מיין פּלוניתטע. „שטיי אויף, פייגע־לאה, — זאָג איך — ס׳איז איצט קיין צייט נישט אויף צו שלאָפן!" — „וואָס איז, וואָס איז געשען?" — „געשען איז נאָך דערווייל גאָרנישט, ס׳וועט ערשט געשען. וועסט האָבן אויף שבת אי פיש, אי נאָך עפּעס וויכטי־קערס ווי פיש. דאָ שמעקט מיט עטלעכע הונדערטער!" — „משוגע ביסטו?" — „ס׳איז גאָר קיין ווונדער נישט — זאָג איך — פון אַזאַ אַנטדעקונג קאָן מען טאַקע משוגע ווערן". און איך דערצייל איר וועגן מיין פּלאַן. ווי נאָר זי האָט דערהערט וועגן מיין פּלאַן, האָט זי אַזש אַ געשריי געטאָן פאַר איבעררראַשונג. נאָר גלייך באַלד אויפן אָרט, ווי דער שטייגער איז פון אַ ייִדענע, האָט זי זיך צעלאָזט מיט אַ גאַנצן ים ספיקות און פאַרווורפן, אויף מיין אַדרעס, איבערצייגנדיק מיט אותות ומופתים, אַז כאָטש מיין פּלאַן איז טאַקע זייער אַ קלוגער און זייער אַ געניאַלער פּלאַן, וועט נאָך דערפון פון דעסטוועגן גאָרנישט אַרויסקומען, טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס האָב איך אים אויסגעטראַכט, און נישט עמעצער אַנדערש... ווי ס׳זאָל נישט זיין, נאָר איך האָב מיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט, כדי דורכצופירן מיין געניאַלן פּראָיעקט, וועלכער איז באַשטאַנען אָט אין וואָס:

„נאָר אויב איר קענט נישט מוירעמויריינעסן, האָט איר וועגן אונדזער גביר, מאיר באַביטשן מסתמא יאָ געהערט. אויך נישט? מערקווירדיק! מאיר באַביטש איז טאַקע איינער פון די נאָר וואָס אויפגעקומענע גבירים, נאָר זיין רייכקייט איז נישט אָפּצושאַצן. ער האַלט ביי אונדז די פּאָטשטע, אַרענדירט די מיל, ער פאַרמאָגט די מערסטע טייל הייזער

אין שטאָט, און אַ באַנק אויך; ס׳איז גאָר נישטאָ אין מאַזעפּעווקע קיין הויז, ס׳זאָל
נישט זיין פאַרזעצט ביי אים. מיט איין וואָרט — ער פאַרמאָגט אַ ריזיקן כוח. אַליין איז
ער, מעג מען מודה זיין, עפּעס נישט פון די גרויסע למדנים, מען קאָן זאָגן, טאַקע אַן
עם־הארץ. נאָר דערפאַר אָבער אַ קאָפּ האָט ער אויף זיך אַ געזונטן. קאָן דען אַ גע־
ווינלעכער מענטש, אַ פּריקאַזטשיק, זיך אַרויפדראַפּען צו אַזאַ מדרגה? קלאָר, אַז ער
איז נישט קיין פּשוט מענטשל, כאָטש בייזע צינגער רעדן, מי יודע וואָס. איך ווייס
נישט ווי ביי אייך, נאָר ביי אונדז אין מאַזעפּעווקע, איז אָנגענומען צו מאַכן יענעם צו
נישט, און זיך אַליין שטעלן העכער פון יעדן אַנדערן. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.
מאיר באַביטש האָט אַ זונדל, זייער, זייער אַ געבילדעטן, כמעט אַ דאָקטאָר. דער בחור
איז אַלט אַ יאָר צוואַנציק; מוירעמוירייניעס טאָכטער — אַ יאָר אַכצן; באַביטש איז
רייך — מוירעמוירייניעס איז אָנגעזען; דער יונגערמאַן איז געלערנט — עטעלע איז אַ
קראַסאַוויצע, למאַי זשע זאָלן זיך נישט משדך זיין עשירות מיט יחוס, בילדונג מיט
שיינקייט? אַ, יאָ? קיין בעסערס האָב איך גאָרנישט געקענט צוטראַכטן, אַפילו ווען
איך וואָלט אָפּגעלעבט אויף דער וועלט נאָך פינף און פופציק יאָר? שטעלט זשע זיך
אָבער פאָר אַזאַ מין געשיכטע: איך קום צו גיין צו מוירעמוירייניעסן. „אַ גוט מאָרגן,
ה׳ מוירעמוירייניעס". „גוט מאָרגן, גוט יאָר, ר׳ אליקום. זיצט, וואָס וועט איר זאָגן
גוטס?" — „און וואָס קאָן נאָך זיין בעסערס אויף דער וועלט, ווי כאַפּן אַ שמועס וועגן
אייער עטעלען, גאָט זאָל זי אייך שענקען, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. יאָ, זאָגט
מיר נאָר אָקאָרשט, צי קענט איר מאיר באַביטשן?" — „כ׳קען, פאַרוואָס זאָל איך אים
נישט קענען?" — „און דעם זונדל זיינעם, קענט איר דאָך מסתמא אויך?" — „פאַר־
שטייט זיך, אַז איך קען אים. נו, און אַז איך קען אים, איז וואָס איז דערפון געדרונ־
גען?" — „דערפון איז געדרונגען — זאָג איך — אַז ביי מיר איז געבוירן געוואָרן אַ
געניאַלער איינפאַל: אַזוי ווי זיין זון... איר פאַרשטייט? מיט איין וואָרט, דער שידוך
איז ווי פון גאָט אַליין צוגעפּאַסט פאַר אייער טאָכטער"... — „פאַר מיין טאָכטער?" —
„פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אייער טאָכטער, נישט פאַר מיינער. וואָס, איר וווּנדערט זיך?
איר מיינט אפשר, טאָמער וויל נישט מאיר באַביטש דעם שידוך?" — „מאיר באַביטש
וועט נישט וועלן דעם שידוך?! אָט דער אויפגעקומענער גביר, דער גראָבער יונג, דער
שווינדלער, דער... ער וועט נאָך, זאָגט איר, נישט וועלן? משוגע זענט איר?! איך וויל
אים נישט, קענען וויל איך אים נישט, אָט דעם עם־הארץ, דעם אויפגעקומענעם עושר,
דעם שווינדלער!"... און ער זידלט און האַלט אין איין זידלען. „נאַרישקייטן — קלער
איך ביי מיר. — איך קען אייך, די מוירעמוירייניעס, נישט פון היינט און נישט פון
נעכטן. אונדז, הייסט עס, קריגט מען נישט אַזוי לייכט... נו, מילא, גוט, זייט מיר גע־
זונט!" — און איך גיי אַריבער גלייך צו באַביטשן.

איך קום צוגיין אַהין. אוי, כ׳קום צוגיין און קלינג אָן. ס׳קומט אַרויס דער לאַקיי.
מען דאַרף מעלדן, וואָס קאָן מען דאָ העלפן. „מעלדע — זאָג איך — ר׳ אליקומען, דעם
שדכן. ר׳ אליקום דער שדכן אַליין איז געקומען וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין". יענער
שמייכלט, נאָר מעלדן מעלדט ער, ווי מען האָט אים געהייסן, און מען פירט מיך אַריין
צום הער באַביטשן אַליין. דער איז אַ פּשוטער, אַ פריילעכער, אַ העפלעכער, ווי אַלע
מאָל. — „אַ שלום־עליכם אייך, ר׳ אליקום! זיצט. וואָס מאַכט איר? איר וועט אפשר
נעמען אַ ציגייער?" — „מיר וועלן זיך אָוועקזעצן — זאָג איך — אוודאי וועלן מיר
זיך אָוועקזעצן ,און פון אַ ציגייער וועלן מיר זיך אויך נישט אָפּזאָגן. און וועגן דעם

וואָס מען איז פרעגט שוין בעסער נישט. איך האָב פאַר אייך אַ געשעפטל״. — „אַ גע־שעפטל? זייער אַנגענעם. וואָס ווערט איר עפּעס זאָגן גוטס?״ — „און וואָס קאָן שוין זיין בעסער — זאָג איך — ווי כאַפּן אַ שמועס וועגן אייער זונדל, גאָט זאָל אים אייך שענקען ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר? יאָ, אגב, איר קענט מוירעמוירייניעסן?״ — „אַוודאי קען איך אים, פאַרוואָס זאָל איך אים נישט קענען?״ — „און זיין טאָכטער קענט איר דאָך אַוודאי אויך?״ — „פאַרשטייט זיך, אַז איך קען זי. איז וואָס זשע קומט אַרויס דערפון אַז איך קען זי?״ — „דערפון קומט אַרויס — זאָג איך — אַז ביי מיר איז גע־בוירן געוואָרן אַ גענישלער איינפאַל: אַזוי ווי זיין טאָכטער... איר פאַרשטייט? מיט איין וואָרט, דער שידוך איז ווי פון גאָט אַליין צוגעטראַכט פאַר אייער זון״. — „פאַר מיין זון?! וואָס זאָגט איר עפּעס! איר זענט ביי די זינען?!״ — און באַביטש איז פונקט ווי מוירעמוירייניעס אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט זיך צעלאָזט מיט אַ מבול זידל־ווערטער אויף מוירעמוירייניעסעס אַדרעס. — „ווי וואַגט ער עס, אָט דער קבצן, דער נעבעכדיקער בעל־גאווה, דער... דער... מיר מאַכן אַזעלכע פאַרשלאָגן״. — „דערלויבט! — זאָג איך. — „ניין, איך דערלויב גאָרנישט! גייט אייך געזונטערהייט און גיט איבער אָט דעם... דעם מוירעמוירייניעס, צי ווי מען רופט אים דאָרט, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן, און זאָל ער נישט זאָרגן פאַר מיר און פאַר מיין זון! גייט געזונטערהייט!״

„ווי אַזוי איך בין דערגאַנגען אַ היים און סאַראַ באַגעגעניש איך האָב געהאַט פון מיין זוגתי — פאַרשטייט איר שוין אַליין. מיין ווייב, (זי איז ביי מיר אַ חכמה, נאָר אַ ביסל אַ ווספּילטשיווע), איז געווען איבערצייגט דעריין, אַז ווען אַן אַנדערער, נישט איך, וואָלט זיך גענומען פאַר דער זאַך, וואָלט דערפון זיכער עפּעס יאָ אַרויסגעקומען. פאַר איר איז דאָס געווען קלאָר, ווי דער טאָג. דערווייל איז מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן זיך מייאש צו זיין; איך האָב געזען באַשיינפּערלעך, אַז דער שידוך איז אַ גאַנץ פיינער שידוך; אַ גלייכערן און אַ שכלדיקערן האָט מען גאָר נישט געקענט צוטראַכטן. און אויב די צדדים זענען נאָך דערווייל נישט אין גאַנצן שווה בשווה, האָט מיך דאָס ווינציק וואָס געאַרט. וואָרעם איך בין שוין געווינט צו אַזאַ קווענקלען זיך און איבערנעמען זיך. ווי זאָגט דער גוי: „ס׳וועט זיך איבערמאַלן, וועט ווערן מעל״, האָב איך גע־קלערט. זאָל נאָר אַריבער דער שבת, איבערן טאָג וועט זיך דאָס פייער אָפּקילן, דער ירגזון וועט זיך ביי בײדע איינשטילן און דער עסק וועט אַוועק, ווי געוווּנטשן.

## ס׳דריטע קאַפּיטל

## אַ גרויס אומגליק פאַלט אויף ר׳ אליקומס קאָפּ

„אַזוי טאַקע איז געווען. דער שבת איז אַוועק, די נאַכט איז אויך פאַרביי. זונטיק אין דער פרי, איך קלייב מיך ווידער צו נעמען צו אַרבעט, איך האָב שוין צוגעטראַכט נייע אויסדרוקן און ווערטער, מיט וועלכע איך דאַרף מיך ווידער יאָווען ביי ביידע פאַראינטערעסירטע צדדים, גיט זיך פּלוצעם אַ מאַך אויף די טיר און ס׳קומט אַריין מוי־רעמוירייניעס אַליין, אַ צעטראָגענער, אַ צעפלאָסענער, מיט אַ צעשראָקן פּנים און מיט רויטע אויגן. „אַזוי! — טראַכט איך מיר — האָטס נישט אויסגעהאַלטן, טייבעלע? און ווער האָט זיך עס פריער אַזוי געגרויסט און געוואָרפן!״ — „האָט אויף מיר רחמנות, ר׳

אַליקום, — ווענדט ער זיך צו מיר מיט אַזאַ קול, גלייך פון מיר הענגט אָפּ זיין טויט אָדער זיין לעבן. — האָט רחמנות אויף מיר און אויף מיין משפּחה! דערציילט מיר ווי אַזוי און ווען איז דאָס געשען; ווו זענען זיי, ווען זענען זיי אַוועקגעפאָרן, און בכלל אַלץ; פאַרכט אייך פאַר גאָט, דערציילט מיר אַלץ. האָט רחמנות אויף אַן אָרעמען, אומגליקלעכן פאָטער!" — ביי די ווערטער, האָט זיך מוירעמוירייַנעס אַ וואָרף געטאָן אויף אַ שטול און זיך צעווייַנט ווי אַ קינד. איך בין געבליבן אויסער זיך פון שרעק, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ קומט פאָר, אַפילו דאָס ווייב מייַנס איז געבליבן ווי פאַרגליווערט, נישט קענענדיק אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. — „איר שווייגט? — האָט זיך אָנגערופן מוירעמוירייַנעס שוין מיט אַ גאָר אַן אַנדערן, בייזן קול און זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר. — איר ווילט נישט זאָגן? וואַרט זשע נאָר צו; מיר וועלן אייך שוין די צונג אויפבינדן, מיר וועלן אייך צווינגען צו רעדן!" נאָך אָט די דראָונגען, האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק. מיר האָבן מיט מיין ווייב נישט באַוויזן צו קומען צו זיך, נאָך דער פאַרגליווערונג, וואָס איז אויף אונדז געפאַלן, האָט אונדז גאָט צוגעשיקט אַ נייעם סיורפּריז. צו אונדז איז געקומען אַן אָנגעשטעלטער פונעם הער באַביטש, אין דער באַגלייטונג פונעם גאָראָדאָוואָי; מען בעט מיך זיך מטריח צו זיין אויף דער פּאָליציי! איר קאָנט אייך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך? איך, וואָס האָב אין מיין לעבן נישט געוווּסט, וואָס הייסט אַ מיראָוואָי סודיאַ צי אַ קוואַרטאַלני, האָב געמוזט כמעט ביים סוף פון מיין לעבן זיך שטעלן אין פּאָליציע. איך וואָלט זיכער באַקומען אַ האַרץ־שלאַק, אָדער גלאַט אַזוי געפאַלן חלשות, ווען נישט מיין ווייב, וואָס האָט זיך געטאָן אַ וואָרף פאָרויס. „איך וועל נישט דערלאָזן — האָט זי געשריגן — איך וועל דערצו נישט דערלאָזן". — „וואָס הייסט, פייגע־לאה — שריי איך אין טויט־שרעק. — „וואָס זאָל דאָס באַדייטן?" — „שווייג, אַליקום, קיין וואָרט זאָל איך פון דיר נישט הערן, דו הערסט? שווייג!" — „אַהאַ!" — רופט זיך אָן באַביטשעס מענטש צום גאָראָדאָוואָי. — איר הערט? זי הייסט אים שווייגן. גוט, איצט פאַרשטייען מיר שוין..." — מיט איין וואָרט, איך וועל אייך לאַנג נישט מאריך זיין, — מען האָט מיך אַרייַנגעזעצט אין חד־גדיא, און אָפּגעהאַלטן דאָרט גאַנצע דריי טעג מיט דריי נעכט.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין יענע פאָר טעג, בין איך אייך נישט אומשטאַנד איבערצוגעבן. איך וועל אייך זאָגן נאָר איינס, אַז פריער, איידער איך האָב מיך דערוווּסט צוליב וואָס אייגנטלעך מען האָט מיך אַרעסטירט, בין איך שיעור פון זינען נישט אַראָפּ. איר וועט מיר גלויבן? אין די דריי טעג בין איך גרוי געוואָרן, מער ווי אין אַלע פינף און פופציק יאָר, וואָס איך האָב אָפּגעלעבט אויף דער וועלט; אַ געלעכטערל אַ ביסל — דריי טעג און דריי נעכט זיין אַרעסטירט איבער אַ זאַך, וואָס דו ווייסט ווען איר אַזוי פיל, וויפל מיר מט אייך ווייסן, וואָס עס טוט זיך איצט אויף יענער וועלט. אומצאָליקע מאָל האָט מען מיך נישט אויפגעהערט אויסצופרעגן און נאָכצופאָרשן נאָך אַזעלכע קלייניקייטן, אַז ס'איז מיר פשוט געווען אַ בזיון צו ענטפערן... מיין איטלעכס וואָרט איז עטלעכע פאַרשריבן געוואָרן. איך האָב אָפּגעגעבן די אויפריכטיקסטע דערקלערונגען, נאָר מען האָט מיר, ווייזט אויס, נישט געגלויבט, וואָרעם איינער אַ פריץ האָט מיר אַפילו געדראָט מיט „קאַטאָרזשנע סיביר", אויב איך וועל נישט מודה זיין אַז איך האָב שוין פון לאַנג געוווּסט וועגן פּלאַנירטן אַנטלויפן פון באַביטשעס זון מיט מוירעמוירייַנעסעס טאָכטער, וועלכע האָבן מיר איינעם נאָר אָנפאַרטרויט דעם סוד, אַז זיי זענען צווישן זיך קוצעניו־מוצעניו. צום מייַנסטן האָבן זיי זיך באַמיט פון מיר אַרויסצוציען דעם סוד פון די

צוגעגנבעטע ביי באַביטשן צען טויזנט קערבלעך, ווען וועלכע איך האָב לויט זיי באַ־דאַרפט וויסן... בקיצור, דאָס איז געווען יענער נסיון, וועלכער האָט זיך פּאַר מיר געקענט ענדיקן אָדער מיט „קאַטאַרזשנע סיביר", אָדער גאָר מיטן טויט, ווען ס'וואָלט נישט אויף מיין גליק געשען אַ נס. געלויבט איז דער אין הימל, וועלכער פירט מיט גרויס חסד און לייטזעליקייט אַלע משפטים אויף דער וועלט. אין דריי טעג אַרום נאָך אָט דעם שרעקלעכן לחלוטין אוממעגלעכן געשעעניש, האָט דער הער באַביטש באַקומען אַ בריוו פון זיין זון, אין וועלכן ער פאַרשטענדיקט דעם פאָטער, אַז ער מיט זיין כלה עטעלע מוירעמוירייַנעס זענען בשלום אָנגעקומען קיין כמיעלניצק ; — איר הערט אַ מעשה ? — ווו ער האָט מיט איר גענומען חופה וקידושין כדת משה וישראל... ווי געפעלט אייך אַ שטייגער אַזאַ מין געשיכטע ? אַ יינגל נעמט אַ מיידל, פאָרט מיט איר אַוועק קיין כמיעלניצק, און האָט מיט איר דאָרט חתונה, כדת משה וישראל... לאָמיר אָננעמען, אַז ס'איז טאַקע אַזוי ווי מען פאַרזיכערט, אַז באַביטשעס זון מיט מוירעמוירייַנעסעס טאָכטער קענען זיך שוין זייט כמה וכמה יאָרן, כמעט פון קינדווייז אָן, און אַז צווישן זיי איז געווען אָפּגעמאַכט פון לאַנג, זיי זאָלן אַוועק וואָס ווייטער פון מאַזעפּעווקע, וואָרעם זייערע עלטערן האָבן בשום אופן נישט מסכים געווען אויפן שידוך. לאָמיר זאָגן אַז אַלץ איז טאַקע אַזוי געווען ; נאָר איצט פרעג איך אייך — איר זענט דאָך עפּעס אַ קלוגער מענטש — מיט וואָס זענט איר שוין זיכער, אַז מאָרגן וועט זיך די זעלבע מעשה נישט איבערחזרן ביי דעם צי ביי יע־נעם ? און אויב יאָ אַזוי, איז וואָס וועלן דעמלט טאָן מיר, די שדכנים ? צו בלייבט אונדז נישט אַלע, וויפל מיר זענען פאַראַן שדכנים ביי ייִדן, נעמען די טאָרבעס אויף די פּליי־צעס און גיין איבער דער מדינה ? באַטראַכט נאָר גוט די זאַך : אַ מענטש צעברעכט זיך אַ צייט לאַנג דעם קאָפּ, רייסט שיך, לויפט, יאָגט ; פּלוצעם, איידער נאָך ער באַווייזט זיך אויסצודרייען, נעמט דאָס פּאָרל און אַנטלויפט אין עפּעס אַ כמיעלניצק, ווו יונגע לייט זענען פריי חתונה צו האָבן אויף אייגענער האַנט, כדת משה וישראל. און וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט, אָט דאָס כמיעלניצק, ווו מען גיט אַ כאַפּ פון דער גאַס צוויי יונגע מענטשן און מען מאַכט זיי חתונה אָן שום צערעמאָניעס, גלייך עס גייט דאָ אין אַ געשעפטן עוף, אָדער אין אַ געקוילעטן אינדיק. און סאַראַ נאַר ווייזט זיך דערנאָך אויס אונדזערס איינער אין די אויגן פון אַזאַ יונגן מאַן, צי אַזאַ מיידל, ווען ער קומט זיי פאַרשלאָגן אַ שידוך ? „פלאַפּל מיטן צונג, אַלטער נאַר ! ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ שטאָט כמיעלניצק, וווהין מען קאָן דערגרייכן אָן דיר, און ווו מען קאָן אָן דיר אויך שטעלן אַ חופה כדת משה וישראל...".

## ס׳ פ ע ר ט ע ק אַ פּ י ט ל

## זיינע צרות האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט

„נאָך די דריי שווערסטע טעג פון נסיונות, בין איך אַרויס אויף דער פריי. ווי ס'האָט זיך דערצו באַצויגן מיין ווייב איז לייכט צו פאַרשטיין. זי האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איך האָבן זיך אַזוי לאַ־יוצלחדיק גענומען צו אָט דעם עסק, אַז איך האָב ערלעך פאַרדינט די שטראָף. קאָן זיין, נאָר מיין ווייבס פאַרוואורפן, צו וועלכע איך בין שוין געוווינט, זענען געווען גאַרנישט, אַנטקעגן דעם אָפּלאַכן און דעם ווערטלען זיך, מיט די אַלע אָנצוהערע־נישן וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין פון כל מיני גוטע לייט, וואָס האָבן מיך גע־האַלטן, און האַלטן נאָך ביז היינט צו טאָג, פאַר אַן אמתדיקן אַנטיילנעמער אין אָט דער

מיאוסער געשיכטע. גאַנצע דריי וואָכן האָב איך מיך נישט געקאָנט באַווייזן נישט אין גאַס, נישט אין שול, און נישט אין קיין שום אָרט. נאָר אַלץ מוז דאָך האָבן אַן עק. ווער נאָך האָט נאָך געוווּסט אַזוי גוט ווי איך אַליין דעם ריינעם אמת וועגן מיין אומשולדיקייט? וואָס זשע, אויב אַזוי, האָב איך מורא צו האָבן? און איך האָב אָנגעהויבן קומען ווידער צווישן מענטשן. ערשט דעמלט האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרשיטן מיך מיט שאלות, מיך באַגריסן מיט מיין הצלחה. אַלע, פאַרשטייט איר מיך, זענען איבערצייגט דערין, אַז אין אָט דעם געדראַנג איז מיר צוגעפאַלן נישט קיין קליינע אפּותיקאַ: נאָך אַ שווערן וואָגן איז גרינג צו פוס צו גיין — האָבן מיר גוטע פריינד געזאָגט מיט אַ צווייידייטיק שמייכעלע. מיין ווייב האָט אויך געהאַט אַזאַ מיינונג, טענהדיק, אַז אַן אַנדערער אויף מיין אָרט, וואָלט זיך געוועזן נישקשה דערוואָרעמט ביי אַזאַ מין עסק. אויף וועלכן אופן יענער „אַנדערער" וואָלט עס געוועזן באַוויזן אַזאַ זאַך — זאָג איך צו איר, פאַרשטיי איך פאָרט נישט. מיט איינעם נאָר האָב איך געקאָנט מסכים זיין, אַז די אידעע, אַזוי צו זאָגן, פון אָט דעם שידוך געהער מיר און מער קיינעם נישט. איי, מען האָט אָט די אידעע צו גיך און אָן מיר דורכגעפירט, דאָס האָט גאָרנישט צו דער זאַך. איך האָב פאָרט נישט געקאָנט דערלאָזן דערצו, אַז מיין כשר פאַרדינט שדכנות־געלט זאָל אַריין אין די הענט פון עפּעס אַ כמיעלניצקער פּראַנטל. דאָס איז נומער איינס. און צווייטנס — איז אויב ס'איז שוין יאָ באַשערט געוועזן, אַז די גאַנצע מעשה זאָל טאַקע פּאַסירן, האָט מען דאָס נישט געקענט דורכפירן אויף אַזאַ אופן, אַז מען זאָל נישט באַאומרואיקן גאָט די נשמה שולדיקן ר' אליקום שדכן, נישט אָפּהאַלטן אים אונטערן שלאָס דריי טעג מיט דריי נעכט כסדר, ווי עפּעס אַ ליאַדע פאַרברעכער דאָרטן? איך קאָן אייך שווערן, אַז אין מיין גאַנץ לעבן, בין איך אויסער דער מיעשטשאַנסקי אופּראַווע, אַפילו איין מאָל נישט געוועזן אין סוד און נישט אין דער פּאָליציע. בקיצור, איך האָב באַשלאָסן, ד.ה. איך און מיין ווייב האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך מוז אומבאַדינגט אַריינפאָרן קיין כמיעלניצק. „טייבעלעך מיינע, איר האָט זיך, אמת, טאַקע אַ ביסעלע צוגעאיילט; נאָר, מילא; אָפּגעטאָן איז פאַרפאַלן. מירן פאַרגעסן וואָס ס'איז געוועזן, און איצט זייט אַזוי גוט, באַצאָלט דעם רכ"ש".

„אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, מיר האָבן פאַרקויפט די לעצטע פּאָר קישעלעך, און איך בין אַוועק קיין כמיעלניצק. איך וועל אייך דאָ נישט גיין דערציילן מעשיות וועגן מיין כמעט ערשטער נסיעה אין אַזאַ וויטן מקום אַריין. איך וועל אייך אויך נישט דערציילן וועגן אַלע מיינע צרות און לייד, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אין יענער ריזיקער שטאָט, איידער מיר האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוזוכן מיין יונג פּאָרפאָלק. דאָס איז אַ העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע, און איך וועל זי אייך דערציילן אַמאָל; ביי דער נאָענטסטער באַגעגעניש וועל איך זי אייך זיכער איבערגעבן. איך וועל אייך נאָר אַזוי, פאַרבייגייענדיק, מיטטיילן, אַז דאָ בין איך שיער, שיער נישט אַרעסטירט געוואָרן בשעת אַן אָבלאַווע, און ווען נישט אַ גליקלעכער צופאַל, וואָלט מען מיך געוועזן אויפן חשבון פון קאַזנאַ אָפּגעפּעקלט צוריק אין מיין היים אַריין, ד.ה. אין שטעטל לאַדיזשין, הייסענער אויעזד, פּאָדאָליער גובערניע... נאָר וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל.

„אָט אַזוי, נאָך אַ סך יאָגענישן און פּלאָגענישן, האָב איך מיך ענדלעך דערשלאָגן צו מיינע שטעטישע, דעם יונגן פּאָר. גאָט מיינער, ווו האָב איך זיי אויסגעפונען? ערגעץ אין עק שטאָט, ווו דער רוח זאָגט אַ גוטע נאַכט, אויפן בוידעם פון עפּעס אַ ריזיק הויז. געטראָפן האָב איך די צוויי טייבעלעך איבער די ביכער. דער יונגער באַביטש האָט מיך נישט דערקענט, נאָר עטעלע, ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך מיר אַ וואָרף גע־

טאָן אַנטקעגן, רויט געוואָרן (אַוודאי פון בזיון), און אויסגערופן: „ר׳ אליקום! איר זענט דאָס? ווי אַזוי קומט איר אַהער?״ — „דוכט זיך מיר, אַז איך בין עס. און ווי אַזוי איך קום אַהער, וועל איך אייך באַלד דערציילן. לאָזט מיר זיך נאָך אַ ביסעלע אָפּרוען נאָך מיין נסיעה אין אייער דירה אַריין, וואָס געפינט זיך, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אונטערן סאַמע הימל״. — זיצט, זייט מוחל — זאָגט עטעלע, און רוקט מיר צו אַ שטול, וועלכע — ווי איך האָב באַוויזן צו באַמערקן, איז געווען די איינציקע אין דער וווינונג. — און דערלויבט מיר אייך באַקאַנט מאַכן, דאָס איז מיין מאַן״. — „מזל־טוב, אייך — זאָג איך — איך ווייס אַז דאָס איז אייער מאַן, אויב ס׳איז בכלל צום גלויבן, אַז דאָ אין כמיעלניצק וווינען טאַקע אין דער אמתן יידן, מעגן זיך אַ יונגערמאַן און אַ מיידל התונה האָבן דאָ כדת משה וישראל, כאָטש דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט אַוודאי אַ סך בעסער געווען, ווען ס׳וואָלט אַזאַ מעגלעכקייט נישט עקזיסטירט; וואָרעם אין דעם פאַל, וואָלט איך פאַרשפּאָרט זיצן צוליב אייך אין טורמע דריי טעג און דריי נעכט, ריזיקירנדיק אַריינצופאַלן אין „קאַטאָרזשנע סיביר״, ווען נישט...״ — „איר? צוליב אונדז אין טורמע? אין סיביר? וואָס הייסט דאָס?״ — האָט אויסגערופן עטעלע אויסער זיך, זי האָט געקוקט אויפן מאַן, דער מאַן אויף איר און איך אויף זיי ביידן. ס׳איז געווען קלאָר, אַז זיי האָבן פון גאָרנישט געוווּסט, און איך האָב זיי דערציילט אַלץ, פונעם אָנהייב ביזן סוף, אַלץ וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט פונעם ערשטן טאָג אָן פון זייער פאַרשווונדן ווערן פון מאַזעפּעווקע, ביזן לעצטן מאָמענט. הערנדיק מיינע רייד, האָבן זיי נישט אויפגעהערט אַכקען און אָכקען; זיי האָבן געלאַכט, געבראָכן די הענט און עטעלע (אַ גוטע נשמה, גאָט זאָל איר געבן פיל גליק), האָט אַפילו געלאָזט אַ טרער. „נו, — זאָג איך, — אַצינד, טייבעלעך מיינע ווייסט איר שוין אַלע פּיטשעווקעס ביז דער קלענסטער קלייניקייט. כ׳פאַרהאָף, אַז פון היינט מאָל אָן וויניקסטנס, איז אַן עק צו מיינע צרות. כ׳האָב שוין איבערגעטראָגן איבערגענוג יסורים; שוין צייט איך זאָל אויך האָבן אַ ביסל פאַרגעניגן. נישט אַזוי? אין דער היגזיכט פאַרלאָז איך מיך אין גאַנצן אויף אייער יושר. האָפנדיק, אַז איר וועט נישט וועלן קיין עוולה טאָן דעם אַלטן ר׳ אליקום שדכן. אַזוי ווי איר האָט זיך אַליין אָפּגעשפּילט די חתונה, דאַרפט איר לויטן שפּריכוואָרט, אַליין זיך צערעכענען מיט די כלי־זמר; און אייערע כלי־זמר האָבן טאַקע פאַרדינט, איר זאָלט זיך מיט זיי צערעכענען אויפן שענסטן אופן״.

„איך האָב זיי געגעבן אַ קאַפּוליע אָנצוהערעניש און טראַכט ביי זיך: אָט לייגן זיי שוין אַריין די הענט אין קעשענע און דערלאַנגען מיר וויניקסטנס עטלעכע הונדערטער; נאָר, ווו — ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן! צוערשט האָבן זיי געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן, גלייך איך זאָג זיי דאָ, ווער ווייסט וואָסערע נישט געשטויגענע נישט געפלויגענע ווערטער. נאָר דערנאָך האָבן זיי זיך מיישב געווען און אָנגעהויבן עפּעס ווי פאַרענטפערן זיך פאַר מיר און געזאָגט, אַז זיי זענען אויף יעדן פאַל גרייט געווען מיר קומען צו הילף פון זייער קעשענע, נאָר לײדער איז די קעשענע זייערע ליידיק...

„די לעצטע ווערטער זייערע זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ טרויעריקן טאָן, אַז מען האָט נישט געקאָנט צווייפלען אין זייער אמתדיקייט. נאָר געדענקענדיק גוט איינס פון די גרונט־פּרינציפּן פון מיין ווייב, אַז מען טאָר קיינעם נישט גלויבן גלייך אויפן וואָרט, האָב איך מיר דערלויבט, העפלעך, פאַרשטייט זיך, געבן זיי אָנצוהערן וועגן יענע צען טויזנט... — „וואָסערע צען טויזנט?״ — פרעגן זיי ביידע פאַרוווּנדערט. — „זאָלט איר מיר געזונט זיין — זאָג איך — די זעלבע צען טויזנט, וועלכע איר האָט אַרויסגע־

נומען פון אייער טאַטנס קאַסע אין דער זעלבער נאַכט, ווען איר מיט עטעלען זענט אַנט־לאָפן קיין כמיעלניצק״... דער יונגערמאַן האָט זיך ביי די ווערטער אַזוי צעפלאַמט, גלייך מען האָט אים באַגאָסן מיט קעראָסין און אונטערגעצונדן. אויסער זיך האָט ער אָנגע־הויבן לויפן איבערן צימער און שרייען: „אַ ליגן! אַ נידערטרעכטיקער ליגן! אַ בילבול!״ — גאָט ווייסט צו וואָס ער וואָלט זיך געווען דערשריגן, ווען עטעלע זאָל נישט געווען צוגיין צו אים, אים אַרויפלייגן די הענט אויף די אַקסל און מיט אַ צערטלעכן שמייכל זאָגן: „נאַרעלע, וואָס ביסטו אַזוי אויפגעבראַכט? פאַרשטייסט דען נישט, אַז דיין טאַטע האָט געמוזט צוטראַכטן די מעשה מיטן געגנבעטן געלט, באַלד נאָך אונדזער אַנטלויפן, כדי באַקומען הילף ביי דער פּאָליציי? און מיט וואָס אייגנטלעך איז די גנבה פון צען טויזנט קערבלעך ערגער אין די אויגן פון גאַנץ מאַזעפּעווקע, איידער די גניבה פון פּאַ־טערלעכער הסכמה, וועלכע מיר זענען יאָ באַגאַנגען? ווען עמעצן וויל זיך שטאַרק שרייען פאַרוואָס זאָל מען אים נישט געבן די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן אָן שטערונגען? אָט שרייסטו דאָך אויך: אַ סימן, עס טוט דיר ווייַ״... און נאָך אַ סך אַ סך אַזעלכע „האַרבע״ רייד און קלוגע משלים האָט זי אים בייגעבראַכט, אַזוי אַז נישט נאָר ער, נאָר אפילו איך, וואָס איך האָב נישט אַזוי אַלץ פאַרשטאַנען, בין אַזוי אַנטציקט געוואָרן, אַז איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן דעם ציל פון מיין רייזע און פון מיין קומען אַהער. איך האָב מיך פאַראינטערעסירט מיט זייער לאַגע בכלל, און מיט דער מאַטעריעלער לאַגע בפרט, און דאָס וואָס איך בין געוויר געוואָרן, האָט איבערגעשטיגן אַלע מיינע דערוואַרטונגען. שטעלט אייך פאָר, אַז זיי לעבן פון זייער אייגענער אַרבעט, ד.ה. ער איז אַ לערער און זי גיט שטונדן פון מוזיק — און אָט אַזוי לעבן זיי, זייער צופרידן און אפילו גליקלעך, איר פאַרשטייט צי ניין? דעם מיליאָנטשיקס באַביטשעס זון איז אַ לערער! מוירעמוירייִנעסעס טאָכטער איז אַ מוזיקאַנטשע! דאָס איז פּשוט נישט צום באַ־גרייפן! עק וועלט! משיחס צייטן און ווייטער גאָרנישט!

ס׳פינפטע קאַפּיטל

## ר׳ אליקום פאָרט צוריק אַהיים

„ביי אונדז אין די תנאים — זאָג איך צום יונגן באַביטשן — שטייט צווישן אַנדערע געשריבן אָט וואָס: „ווער עס האָט באַקומען אַ ווייב, האָט באַקומען אַ ברכה״. איך מיין, אַז מיט אייער עטעלע האָט איר באַקומען אַן אמתע ברכה. וועגן אַזאַ ווייב זאָגט דער קלוגער שלמה המלך, אַז מען קען זי צו קיין שום בריליאַנט נישט פאַרגלייכן. דאָס איז דער הייליקסטער אמת. אַזאַ איז אויך מיין ווייב, מיט וועלכער גאָט האָט מיך באַשאָנ־קען. זי איז קלוגער פון נישט איין מאַנצביל, כאָטש בטבע איז זי אַ ביסל אַ האַרבער מענטש. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. איך וויל דערמיט נאָר אַרויסברענגען, אַז איך זע אין אייך אַן אמתן זיווג מן השמים, און מיר ווילט זיך אייך זייער ווינטשן נאָך אַ מאָל „מזל־טוב״. גאָט זאָל געבן, איר זאָלט זיך בקרוב צוריקקערן אַ היים, קיין מאַזעפּעווקע...״ — „קיין מאַזעפּעווקע? — האָבן זיי ביידע אויסגערופן אין איין קול. — אָ, קיין מאָל, קיין מאָל נישט!״

און ערשט אין אָט דער רגע האָב איך באַנומען אין וואָס די גאַנצע זאַך גייט. עס גייט אין דעם, אַז דאָס פּאָרל האָט נישט אויף קאַטאָוועס פאַרלאָזט די היים. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, נאָר זיי וועלן דערגרייכן צו עפּעס אַ ציל, וואָס

איז מיר, אמת, נישט אין גאַנצן פֿאַרשטענדלעך, כאָטש זיי האָבן מיר דאָס געהאַלטן אין איין אויסטייטשן. אַ שטייגער למשל: ער לערנט זיך און זי לערנט זיך. ער וועט זיין אַ דאָקטאָר און זי וועט זיין אַ דאָקטאָרשע. ער וועט פֿאַרדינען פֿאַר זיך, און זי וועט פֿאַר־דינען פֿאַר זיך. איר פֿאַרשטייט עפּעס דערפֿון? ווייל איך הייב עס נישט אָן צו פֿאַר־שטיין גאָרנישט. — „וואָס הייסט? — זאָג איך. — גאָט איז מיט אייך! דער טאַטע אייערער פֿאַרמאָגט הונדערטער טויזנטער רובל, און איר רעדט דאָ וועגן פֿאַרדינען פּרנסה?!" — נאָר אַלע מיינע באַווייזן האָבן צו גאָרנישט נישט דערפֿירט. ס'איז מיר נאָר פֿאַרבליבן זיך אויפֿצוהויבן און מיט אַ ווייטיק אין האַרצן געזעגענען זיך מיט זיי. ס'קאָן זיין, אויף אייביק, וואָרעם אַז איך האָב זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז איך פֿאַרליר נישט די האָפֿענונג צו באַגעגענען זיך מיט זיי אין אַ מער היימיש אָרט און ביי בעסערע אומ־שטענדן, האָבן זיי מיר ביידע אַזוי ענערגיש איבערגעשלאָגן: „ניין, קיין מאָל, קיין מאָל נישט!", אַז ס'האָט מיר פּשוט פֿאַרקלעמט ביים האַרצן און ס'האָט מיר אָנגעהויבן אויפֿ־ריכטיק באַנג טאָן נאָך זיי. איך האָב מיך אומגעקערט, און מיר זענען נאָך דערנאָך אָפּ־געזעסן אַ צוויי שעה, גערעדט וועגן פֿאַרשידענע ענינים, און איך האָב געפֿילט, גלייך איך זיץ דאָ נישט מיט פֿרעמדע, נאָר מיט אייגענע, נאָענטע מענטשן. עטעלע האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט די זעלבע ווערטער. — „איר ווייסט ר' אליקום, כאָטש אייער מאַזע־פּעווקע איז מיר נמאס ומאוס צוליב פֿאַרשידענע סיבות, נאָר איך מיט מיין מאַן זענען אַזוי צופֿרידן מיט אייער באַזוך, גלייך איר וואָלט מיר געווען אַן אייגענער טאַטע". — „איר זינדיקט — זאָג איך — עטעלע, מיט אַזעלכע רייד. איר האָט — זאָג איך — אַ טאַטן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. ווי מעג מען דאָס אַזוי? וואָס הייסט?" — ס'ווייזט אויס, אַז מיינע ווערטער האָבן דאָך געהאַט אויף איר עפּעס אַ השפּעה, כאָטש זי האָט געענטפֿערט: „ע, דער טאַטע מיינער... דער טאַטע!... זיין שטאָלץ הרגעט אָוועק אים אַליין און אונדז אַלעמען..." — נאָר באַגלייטנדיק מיך ביז צום טויער, האָט זי מיר אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין עפּעס אַ פּאַפּירל און שנעל אַ זאָג געטאָן: — „זייט גע־זונט, און גיט דאָרט איבער אַלע מייניקע אַ האַרציקן גרוס, און זאָגט זיי, אַז איך האָב זיי אַלעמען שטאַרק, שטאַרק ליב, און דעם טאַטן גיט איבער אַז..." — דאָ האָט זיך איר איר קול אָפּגעריסן און איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז אויף די אויגן ביי איר האָבן זיך באַוויזן טרערן. איך האָב אַפֿילו נישט באַוויזן דאָס מויל צו עפֿענען, צו זאָגן איר עפּעס אַ טרייסט-וואָרט, און זי איז נעלם געוואָרן. פֿאַרשוווּנדן, ווי אַ חלום...

„איך האָב מיך נישט געטאָרט פֿאַרהאַלטן, ווייל די נאַכט האָט זיך דערנענטערט, און איך האָב זיך געמוזט צואיילן צו גיין צום וואָקזאַל, כדי וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פֿון יאָט דער שרעקלעכער שטאָט, אין וועלכער עס טוען זיך אָפּ אַזוי פֿיל אויסטערלישע זאַכן, וואָס אין משך פֿון אַ טאָג מיט אַ נאַכט, וואָלט איך דאָס נישט איבערדערציילט. אויפֿן וועג האָב איך אויפֿגעוויקלט דאָס פּאַפּירל, וועלכעס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ ווייסע פֿינף און צוואַנציק רובלדיקע אַסיגנאַציע. איך האָב אייך דאָך שוין דערציילט סאַראַ בייטל איך האָב מיר געגנבֿעט, איידער איך בין געפֿאָרן פֿון מאַזעפּעווקע קיין כמיעל־ניצק. נאָר גלייבט מיר, אַז דער פֿינף און צוואַנציקער איז ביי מיר טייערער, ווי אַנדערע טויזנטער. אמת, אין דער היים וואַרט אויף מיר יענע פֿאַרציע פֿון מיין ווייב, וועלכע וועט, לויט איר שטייגער, זיך צעלאָפּן, און ס'קאָן זייער געמאָלט זיין אַז נישט אין גאַנצן אומ־גערעכט, וואָרעם גיט נאָר אַ טראַכט, וויפֿל צרות און יסורים — און אַלץ צוליב איין פֿינף און צוואַנציקער! און דער עיקר — דאָס אָפּחוזקן פֿון אַלע גוטע פֿריינד, נייע רע־

דעבישן און נייע — ס׳קאָן גוט געמאָלט זיין — מעשיות מיט פּאָליציע, וועלכע חלומט זיך מיר זייט יענער צייט, יעדע נאַכט... אַך, הערט מיך אויס, איך האָב אייך נאָך ביים אָנהייב פון מיין געשיכטע געזאָגט, אַז פאַרשאָלטן זאָל ווערן אונדזער פּרנסה, אין איינעם מיט דעם וואָס האָט זי אויסגעטראַכט! און איך מוז אייך נאָך אַ מאָל איבערחזרן דאָס זעלבע. נאָר כדי צוויי יידן זאָלן זיך נישט צעגיין מיט קיין קללה אויף די ליפּן, לייג איך פאָר מיר זאָלן נעמען צו ביסעלעך נאָך אַ פּאָר טראָפּן פון אָט דער טייערער משקה. אויב אַזוי, איז — פאַר אייער געזונט, לחיים! „לחיים, לחיים!״.

דערלאַנגענדיק זיך ביידע די הענט, האָבן די ביידע באַקאַנטע, ווי דער שטייגער איז אָנגעווונטשן זיך און כל ישראל אַלע מיני ברכות, און מיט דער פינקקייט פון די סאַמע געניטסטע שיכורים, אָנגעבויגן און אויסגעליידיקט די צוויי קעלישעקלעך ביזן דנאָ, און דערפילט זיך נישט נאָר אין גאַנצן אויפגעמונטערט, נאָר אַפילו אַ ביסל בגילופן אויך. ר׳ אליקומס צעקנייטשטע באַקן האָבן זיך פאַררויטלט, אין זיינע אויגן האָט געלויכטן אַ גוטמוטיק געלעכטערל, ווי ביי אַ מענטש, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס אַראָפּגערעדט פון האַרצן, באַגראָבנדיק אין אַן אָנגענעמענעם שמועס און אין צוויי כוסהלעך משקה, אַלע ביטערע צרות זיינע...

העברעישער אוניווערסיטעט ירושלים, יידיש־אָפּטייל
קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל
פאַרלאַג טשעריקאָווער תל־אביב, 1975

שוין דערשינען:

1. באַשעוויס-זינגער יצחק: **דער שפיגל**
און אַנדערע דערציילונגען
מיט אַן אַריינפיר-עסיי פון ח. שמערוק.

2. סוצקעווער אברהם: **גרינער אַקוואַריום**
דערציילונגען
מיט אַן עסיי פון רות וויס.

**חיים מאַלטינסקי**

# ל י ד ע ר

## מיט מיין שטעג

מיר קלאַפּט פון פרייד דאָס האַרץ —
איך האָב צו דיר אַ שטעגל
אויסגעטראָטן...
ניט גלייך,
ניט לייכט
האָט מיר אַזוינס געראָטן:
ניט אָפּגעווענדט פון דיר כ׳האָב
מיינע בליקן,
ניט אויפגעהערט מיט דיר זיך
צו אַנטציקן,
דיר נאָכגעגאַנגען בין איך,
ווי אַ שאָטן.
און סיייווי כ׳בין אין ציטערניש
און שרעק —
ווייל כ׳בין סיי ווי ניט זיכער
מיט מיין שטעג...

*

דיינע שפּורן פון די טריט
אין וואַלד, אויף קלאָרן שניי,
זעען אויס אַזוי ווי פרישע קוויטן.
כ׳סטאַרע זיך ניט צו אַרויפטרעטן אויף זיי
מיט מיין טראָט מיין לעפּיש־ברייטן.
ס׳שיט אַ ליכטיק שנייעלע און שיט.
כ׳גיי דיך נאָך געהיט
און קוש מיט מיינע אויגן
דיינע קליינע שיינע טריט...

## ר אַ ט ע ו ו ע

מיין האַרץ איז שוין גאָר
צו אַ פאַרלאָזענעם גאָרטן געגליכן:
אַרום שפּראָצן, קריכן